ישראל שטערן.

# דריי קינדער.

עס רעגנט שוין נישט.
די וואָלקנס אַנטלויפֿן,
די זון האָט זיך אויף
און קוקט מילד אַראָפּ. —
דריי קינדערלעך האַלטן
פֿאַר די הענט זיך און גייען.

איינס פֿון זיי זאָגט:

די מאַמע האָט געהייסן
מיך אַהיים קומען פֿרי,
איך האָב דאָך הײַנט געזען
אויפֿ'ן נײַעם בית־עולמין;
מײַן מאַמעס נײַעם דאָרט
שלאָף ערב ראש־חודש
און זי האָט מיר דערציילט:
בײַ'ם טאַטן צוקומענדיק
וואַקסט אַ קליין בײמעלע
אַזוי קליינטשיק ווי איך
און דער טאַטע האָט געזאָגט:
אויף דעם בײמעל וועלן וואַקסן
רויטע עפּל אַ כּל
אַ סך רויטע עפּל,
איך האָב דאָך הײַנט געזען
אויפֿ'ן נײַעם בית־עולמין
דאָרט אַ קבֿר אין מײַן מאַמעס
קליינטשינקן און צוויי מאָל
און ער שוין דער טאַטע
צוגעלויפֿן געשוויגן
געגאַנגען צו אונדז פֿאָלג זיך.

די וואָלקנס אַנטלויפֿן.
דער הימל ווערט בלויער.
די זון שפּאַצירט
ווײַטע טריט אויף דער ערד.
דריי קינדערלעך האַלטן
פֿאַר די הענט זיך און גייען.

דאָס צווייטע קינד זאָגט:

די מאַמע האָט געהייסן
מיך אַהיים קומען פֿרי,
הײַנט ברענגט מען דעם טאַטן
אַהיים פֿון שפּיטאָל,
ער איז קראַנק ווי פֿינצטער וואָלקן
נאָר ער קומט נישט צו זיך
ווײַל דער אויפֿזעער לאָזט נישט
איך וויל זײַן נעבן אים,
אים דערלאַנגען די פֿלעשעלע
און דערציילן וואָס איך לערן, —
אַזוי האָט מײַן מאַמע
און הײַנט אין דער פֿרי
האָט זי אויף מײַן בעטל
זיך געזעצט און געלייענט
איבער קאָפּ אויף מײַן קאָפּ
און האָט עפּעס געוויינט:
„אין דײַנע אויגעלעך, שמואליק,
זאָגט דער מלאך רפֿאל".

דער הימל ווערט בלויער
און מאָלט שענער די ערד,
און פֿערצנדיקע ליכט
האַלט די זון אין דער לופֿטן
אויסגעשטרעקט די ערד,
דריי קינדערלעך האַלטן
פֿאַר די הענט זיך און גייען

דאָס דריטע קינד זאָגט:

די מאַמע האָט געהייסן
מיך אַהיים קומען פֿרי.
זי וועט שפּילן נאָך מיטאָג
און פּילקע מיט מיר,
אַ פּילקע מיט פּאַסיקע
רויטע און בלויע,
און מײַן מאַמע קען וואַרפֿן
אַזוי הויך און כאַפּן,
און דער מאַמעס [illegible]
און שמייכלט און קושט מיך
און קושט אויך דער מאַמען:
די מאַמע קען וואַרפֿן
אַזוי הויך און כאַפּן — — —

און גאָלדענע ליכטער
צינדט אָן די זון ליכט,
עס ווערט ליכטיק אין הימל,
עס ווערט ליכטיק אויף דר'ערד,
און בלומען צו בלומען וואַקסט,
און דאָס איז גאָט זאָגט:
גליק!

דרײַ קינדער

[הײַנט; פֿאָרמעלער נאָמען:] נײַעס פֿון הײַנט (וואַרשע, 1919–1920)

2, נומ' 49, פֿעברואַר 27, 1920, ז' 6